# ס׳איז לויטער דער רוסישע סטעפּ

## איציק פעפער

[וויביילע גאָטעסמאַן זינגט דאָס ליד]

ס׳איז לויטער דער רוסישע סטעפּ
און איך בין אין סטעפּ נישט קיין פרעמדער.
איך געדענק זייערע שיקסענע צעפּ,
מיט שקצים אין רוסישע העמדער.

> ווײַל איך האָב קיינמאָל אין דער פֿינצטער נישט געבלאָנדזשעט
> בײַ מײַן קורצן שמייכלדיקן לעבן.
> סע לאַכט אין מיר דאָס האַרץ ווען איך דערמאָן זיך
> אַז איך טראָג אַ נאָמען נאָך אַ רבין.

סע ווייעט אַזאַ סטעפּישער ווינט
דורך די מאָסקווער טראַמווײַען.
כ׳וואָלט געוואָלט בײַ אַ שמייכלדיקן קינד
דעם שמייכל אויף אייביק אַנטלײַען.

> ווײַל איך האָב קיינמאָל אין דער פֿינצטער נישט געבלאָנדזשעט ...

יעדעס שטיבל אַזוי קליין ווי אַ קינד
און איך בין זייער ליבלעכער טאַטע.
איך בין אָרעם און רײַך ווי דער ווינט,
ווען ער בלאָנדזשעט פֿון כאַטע צו כאַטע.

> ווײַל איך האָב קיינמאָל אין דער פֿינצטער נישט געבלאָנדזשעט ...

מײַן קערפּער איז פריש און געזונט,
געווווינט שוין צו רעגנס און שנייען.
אומעטום ווו איך שטעל מײַנע טריט,
וועלן מענטשן נאָך גייען און גייען.

> ווײַל איך האָב קיינמאָל אין דער פֿינצטער נישט געבלאָנדזשעט ...

[ווי געדרוקט אין „אַ שפּיגל אויף אַ שטיין״]

# איך האָב קיין מאָל ניט געבלאָנדזשעט

איך האָב קיין מאָל ניט געבלאָנדזשעט
אין מײַן קורצן שמייכלדיקן לעבן.
לאַכט אין מיר מײַן האַרץ, ווען איך דערמאָן זיך,
אַז איך טראָג אַ נאָמען נאָך אַ רבין.

נאָך דעם הייליקן ר׳ איציקל פֿון סקווירע
האָט געוואָלט מײַן זיידע איך זאָל הייסן,
איך זאָל דאַווענען און זינגען זמירות
און צו טאָן האָבן מיט תּפֿילין און טליתים.

איך זאָל זײַן דער גרעסטער גבֿיר אין שטעטל,
און מײַן ווײַב זאָל זײַן די גרעסטע באַלעבאָסטע.
האָבן טעג מיט נעכט זיך וואָכעדיק געביטן
און געשווומען זײַנען יאָרן פּראָסטע ...

האָט די זון געבענטשט מײַן לײַב מיט בראָנדזע,
און מיט שלאַכטן און מיט לידער רינט מײַן לעבן.
לאַכט אין מיר און קײַכט, ווען איך דערמאָן זיך,
אַז איך טראָג אַ נאָמען נאָך אַ רבין.